STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04888

MAKS NORDOY

Nahum Summer

Permanent preservation of this book was made possible by Dr. Samuel Askinas & Mae Herman Askinas in memory of Abe & Jennie Askinas and Robert & Anne Rivkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום סומער

מאקס נארדוי

(מאָנאָגראַפּיע)



פארלאג „עצמו"
ניו יאָרק, 1937

Copyright 1937 by
N. SUMMER
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON Press, 19 W. 21 St., New York City
255

אינהאַלט

1. הקדמה .... 5—8
2. מאקס נאָרדויס געבורטס־פּלאַץ .... 8—10
3. נאָרדויס אידישע דערציאונג .... 10—13
4. דער אָנהויב פון מ. נ. ליטעראַרישער טעטיקייט 13—19
5. נאָרדויס אידישע דערוואַכונג .... 19—21
6. הערצל און נארדוי .... 21—22
7. נאָרדויס באגרינדונג פון ציוניזם .... 22—27
8. נאָך הערצלס טויט .... 27—28
9. אין צייט פון וועלט־קריג .... 28—30
10. נארדויס טויט .... 30—31

— א מתנה מיין פרוי,

פ י י ג ע - ע ט ע ל

הקדמה

אין מאקס נאָרדויען האָבן מיר פאַרלוירן איינעם פון די אַל־זייטיקסטע פערזענלעכקייטן פון אונזער צייט. אַ מענטש מיט אַ באַגאַבטן פּאָליטישן חוש, אַ פּערזאָן מיט גענײאַלע ליטעראַריש־פּובלי־ציסטישע פיאיקייטן, אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד פאַר סאָ־ציאַלער און מאָראַלישער גערעכטיקייט, אַ פילאָזאָף, אַ מעדיקער, אַ נאַטור־פאָרשער, אַ שיין־רעדנער, אַ לינגוויסט — און צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות, קאָן נאָך צוגעשריבן ווערן צום קרעדיט פון זיין אַלזייטיקן שיין־גײַסט, אַ נאָבעלער מענטש מיט אַ ליבלעכן כאַ־ראַקטער און אַ פּאַטריאָטישער לאָיאַלער איד.

אין יעדן פון די דערמאָנטע געביטן איז ער געווען גענײאַל און האָט פאַרמאָגט גענוג ערודיציע און וויסן, וואָס וואָלט אים זיכער דערמעגלעכט צו פאַרנעמען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון שיין־גייסטער אין אונזער געזעלשאַפט, ווען ער זאָל זיך נאָר ספּעציאַליזירן אין איינעם פון די ספּעציפישע געביטן, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוואָרפן.

מאַקס נאָרדוי איז פון דער נאַטור געווען באַגאַבט מיט דער אייגנשאַפט פון אַ קעמפער. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער שוין ארויסגעוויזן זיין קעמפערישן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אים באַגלייט אויף זיין לאַנגן רייכן וועג פון זיין לעבן, ביז צו די לעצטע מינוטן, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. אין יעדן פון זיינע ווערק און אין יעדן פון זיינע טאַטן, שפּיגלט זיך אָפּ זיין קעמפערישקייט. איבער וואָס ער זאָל ניט שרייבן און וועגן וואָס ער זאָל ניט רעדן, שפּאַסט ער זיך ניט, נאָר באַציט זיך דערצו מיט ערנסטקייט אפילו ווען ער באַציט זיך צו זיינעם אַ קאָלעגע ציניש — ליגט אין זיין ציניזם די ערנסטקייט פון אַ דאָקטאָר, בשעת

אפערירן זיינעם א פאציענט. און ערנסטע טענטשן זיינען יענע, וואס זיינען פון דער נאטור אוים באגאבט אלס קעמפער.

וויפיל פון אונז זיינען באגייסטערט געווארן פון די רייכע און קולטור־היסטארישע ווערק, וואס זיינען געשאפן געווארן פון דעם געניאלן פען־מייסטער? וויפיל פון אונז האבן, א דאנק זיינע אינ־האלטרייכע ציוניסטישע רעדעס, וואס ער פלעגט האלטן ביי פאר־שיידענע געלעגנהייטן, זיך באנוצט מיט ציטאטן פון זיינע רעדעס צו באווייזן די קעגנער פון ציוניזם דעם אמתן און סאציאל־עטישן אידע־אליזם, וואס איז פארקערפערט אין דעם אויפבוי־ווערק פון א נא־ציאנאל־אידישער היים אין די היסטארישע גרעניצן פון ארץ ישראל? מיר, יונגע, וואס האבן ניט די זכיה געהאט צו געפינען זיך אין זיין צייט און בייוואוינען די ציוניסטישע קאנגרעסן, וואו נארדוי פלעגט אויפשטורעמען די דעלעגאטן און דעם וועלט־אידנטום, מיט זיינע איינדרוקן און טיפע בליקן וועגן די שוידערלעכקייטן פון גלות — האט זיין אריסטאקראטישער גייסט באצויבערט אונזערע געפילן, לייענענדיק זיינע טיפזיניקע רעדעס. ער האט אין אונז אויפגעבלאזן דעם פאקל פון נאציאנאלן באוואוסטזיין. יא, לעגענדע, קאנקרעטע געשיכטע האט זיין נאמען געשאפן.

אבער אין די לעצטע יארן איז דער ציוניזם, די ציוניסטישע מענטאליטעט באהערשט געווארן פון א שטימונג פון דעפיטיזם און יאוש, און מען פרובירט פארגעסן די פארבנרייכע פארגאנגנהייט — דעם נעכטן.

ווי לאנג איז, ווי נארדוי איז דורך דער טראגיק פון טויט, פון אונז אוועקגעריסן געווארן. אינגאנצן א צענדליג יאר, און, פונדעסט־וועגן, מאכט עס דעם איינדרוק, ווי ער וואלט שוין געווען איזאלירט פון אונז הונדערטער יארן. די ציוניסטישע באוועגונג, פאר וועלכער ער האט א טייל פון זיין לעבן געאפפערט און צעבראכן די לוחות פון זיין פארגאנגענהייט, געפינט שוין ניט פאר נויטיק צו דערמאנען אים ביי זיינע יארצייטן. זיינע ציוניסטישע ווערק זיינען נאך צע־ווארפן און צעשוואומען אין צענדליקער זשורנאלן און ציטונגען פון פארשיידענע שפראכן. זיין דאקומענטארישער ארכיוו איז נאך ניט קאנצענטרירט געווארן. עס איז נאך ניט דערשינען קיין מאנר־

מענטאַלע ביאָגראַפיע פון זיין לעבן, און זיינע דעראַינערונגען, וואָס זיינען דערשינען אין דייטש, זיינען נאָך ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין צוגענגלעכע שפּראַכן פאַרן וועלט־אידנטום.

ביי אַנדערע קולטור־פעלקער ווערן פירער און מענטשן פון דעם נאָרדוי־שניט ניט אַזוי שנעל פאַרגעסן. עס קאָן זיין, אַז אין דעם איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך אונזער גלות, און דער כאָאָס פון אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן פון אינעווייניק און פון דרויסן — אָבער עס איז אפשר גיכער אַ טיפּיש־אידישע אייגנשאַפט. דאָס פאָלק פון דער ביבל האָט געשאַפן אַ רייכע און פילזייטיקע קולטור, אָבער אַ גאָר גרויסער טייל פון אונזערע קולטור־ווערק זיינען געבליבן אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונגען. דאָס פאָלק פאַרגעסט שנעל זיינע מחברים, אָבער דער גייסט, וואָס דער מחבר לאָזט, בלייבט אַן אייביקער מאָנומענט אין אונזער נאַציאָנאַלער קולטור.

אפשר איז עס אַ געזונטער חוש, וואָס אונזערע פאָלקס־מענטשן פאַרגעסן ניט זייערע פירער און זייערע מחברים פון גרויסע טאַטן און געניאַלע ווערק. אָבער מיר ווילן אין דעם זיך ניט אַריינלאָזן. אונז אינטערעסירט צו באַקענען דעם אידישן לעזער מיט די שאַפונגען און טאַטן פון דעם אומשטערבלעכן מאַקס נאָרדוי.

פאַר אַזאַ אַרבעט פאָדערט זיך מער ווי עטלעכע אַרטיקלען. עס פאָדערט זיך אפשר עטלעכע יאָר פון שטודיום און גריבלעניש אין אַלע נאָרדוי־דאָקומענטן, כדי אַרויסצוגעבן אַן אַלזייטיק ביאָגראַפיש ווערק.

אָבער מיט מיין איצטיקער אַרבעט, פּרעטענדיר איך ניט אויף אַט דעםברייטן פאַרנעם. מיר ווילן שילדערן און גיבן קורצע שטריכן וועגן דעם לעבן און שאַפן פון מאַקס נאָרדוי, אַזוי אַז דער אידיש־לייענער זאָל האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער דאָזיקער אַלזייטיקער פּערזענלעכקייט.

מאַקס נאָרדויס געבורטס פּלאַץ

מאַקס נאָרדוי איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעסט דעם 29טן יולי 1849, פאַקטיש האָט ער זיך דעמאָלט נאָך גערופן זידפעלד. דעם פאַמיליען־נאָמען נאָרדוי האָט ער אַקצעפּטירט אין יאָר 1873, ווען ער איז שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, מיט בולטע שטריכן און פּלענער פאַר די פּערספּעקטיוון פון דעם שפּעטערדיקן קולטור־טרעגער און מיט פּרעסטיזש אין ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע קרייזן.

זיין פאָטער, גבריאל זידפעלד, פון פּוילישן אָפּשטאַם און מיט אַ יחוס־בריוו פון שפּאַניע, איז געווען פאָרמעל פרום, אַ תלמיד־חכם. געלערנט ביי ר׳ עיקבא איגער, שטודירט אין ברעסלוי און אין בער־לין. ער איז געווען אַ לערער אין הויז פון פּראַגער רב, ר׳ שלמה ראַפּאָפּאָרט, שפּעטער ביי משה סופר, אין פּרעסבורג. אונטער דעם איינפלוס פון די פּישהאָפּס, נעמט זיין לעבנס־כאַראַקטער אָן אַ נייע ווענדונג — אָנשטאָט דער פריערדיקער אָנהענגער פון קאָנסערוואַ־טיזם, ווערט ער אַ פּאַרטיידיקער פון די פּראָגרעסיווע אידייען וואָס קורסירן אין מערב־אייראָפּע, און וואָס געשטאַלטן זיך שוין אין אַן אייגנאַרטיקער אידישער שפּראַצונג. ער ווערט אַן אָנהענגער פון דער „השכלה״־באַוועגונג. שטודירט פילאָזאָפיע און מעדיצין. רעדט אַ קאָרעקטן דייטש. שרייבט העברעאישע לידער. איבערזעצט שילערס ליד: „דאָס ליד פון דער גלאָקע״. ער האָט אויך אָנגעשריבן אייניקע פּיעסן, וועלכע זיינען, פּונקט ווי זיינע לידער, געבליבן ביי אים אין מאַנוסקריפּט און קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. ווען עס איז דעם קליינעם מאַקסען אמאָל אויסגעקומען דורכצוניש־טערן זיין פאָטערס קליינע, אָבער ווערטפולע ביבליאָטעק, האָט ער צווישן די פאַרשטויבטע ביכער אַנטדעקט די דאָזיקע פּיעסן, פון

וועמענס רייכע געדאַנקען און וואונדער־שיינעם סטיל, דער דעמאָלט, קוים דרייצן - יאָריקער נאַרדוי איז אַנטציקט געוואָרן, און מיט ליידנשאַפטלעכן גענוס האָט ער זיינע מאַנוסקריפּטן פאַרשלונגען. און אוים באַוואונדערונג צו זיין פאָטערס שרייבן, האָט ער אים באַטראַכט ווי אַ העלד, — אַ ליטעראַרישן זשעני.

די דאָזיקע מיינונג וועגן זיין פאָטער איז ביי מאַקסען געבליבן, ווען ער איז שוין געוועזן וועלט־באַרימט און אַליין שוין געשאַפן גענאַלע ווערק. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַז אין זיין פאָטער איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ קינסטלער פון וואָרט, וואָס האָט געקאָנט באַרייכערן אונזער וועלט־ליטעראַטור ווען ער וואָלט געלעבט אונטער אַנדערע אומשטענדן און באַדינגונגען.

זיין מוטער, אַ צערטלעכע פרוי און אַ געפילנספולע מוטער, האָט געפירט איר הויז־געזינד אין די דרכים פון טראַדיציאָנעל אידישן לעבן. זי האָט שטרענג אָפּגעהיט אַלע מנהגים און טראַדיציעס, טראָץ דער מאַטעריעלער אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט אין דער פאַמיליע, האָט זי דאָך באַוויזן פרייטיק־צו־נאַכט אָנצוגרייטן פיינערע מאכלים, און באַשיינען דעם טיש מיט שבתדיקן גלאַנץ, כדי ניט צו פאַרשוועכן די הייליקייט פון „שבת קודש". אָט די דאָזיקע צאַרטע און געטרייע מוטער האָט פיל גוטע קערנער פאַרפלאַנצט אין דעם יונגן מאַקסן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפיגלט אין זיין כאַראַקטער און אים באַגלייט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין הויכן עלטער. און עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס ביי די שענסטע און פאַרבנרייכסטע באַנקעטן און ביי די פיינע און שמעקנדיקע מאכלים וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די רייך־געדעקטע טישן, וואו עס איז נאַרדויען אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן און בייצוואוינען, האָט ער זיך שטענדיק באַקלאָגט, פאַר זיין פרוי אַנאַ, אַז עס קומט ניט צו די שבתדיקע פיש וואָס זיין מוטער פלעגט גרייטן אויף די פשוטע טעלער און ביי אַ באַשיידן טיש...

נאַרדוים אידישע דערציאונג

נאַרדוים שפּעטערדיקער אידישער פּאַטריאָטיזם און ענערגישע איבערגעבנהייט צו די אידייען פון ציוניזם, וואָרצלען זיך אפשר אין זיין פריסטער יוגנט־דערציאונג. ווי עס וועט אונז שפּעטער נאָך אויס־קומען צו דערציילן, איז נאָרדוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַלגעמיינע וועלטלעכע אידייען, באַזונדערס פון דער ראַדיקאַל־אויפקלערנדיקער שולע פון די סאָציאַלע רעפאָרמער. ער איז אויך געווען אַן אָפּשפּאָטער פון פּאָליטיש־רעליגיעזע טראַקטאַטן און אַנדערע ירושה־טראַדיציעס פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט באַצייכנט אַלס „קאָנווענ־ציאָנעלע ליגנס" — אָבער מיר וועלן דערצו נאָך צוריקקומען אין אונזערע ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

נאַרדוים ערשטע דערציאונג איז געווען אַ אידישע. אין דער גאַרער יוגנט דערציילט נאָרדוי אין זיינע דעראינערונגען — האָט אים דער פאָטער אליין געלערנט העברעאיש. ווען ער איז נאָך קיין גאַנצע ניין יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער שוין געהאַט אַ טיפן באַגריף אין תנ"ך. זיין פאָטער האָט אים אויך געלערנט די שפּאַניש־אידישע געשיכטע. ער האָט אין זיין זון פאַרפלאַנצט יענע מאַרטי־רער געשיכטע פון די שפּאַנישע אינקוויזיציע יאָרן, ווען יענע הונ־דערטער קרבנות וואָס האָבן מיט אַ „שמע ישראל" אויף זייערע ליפּן אויסגעהויכט זייערע איידעלע אידעאַליסטישע נשמות, איינ־שטעלנדיק זיך פאַר דעם אידישן שטאָלץ און פאַר דער גאַנצקייט פון דער אידישער אמונה. ער האָט מיט זיין זון אויך געלערנט וועגן יענער „גאָלדענער עפּאָכע" אין דעם לעבן פון מיטלאַלטערלעכן אידנ־טום, וועגן יענע גרויסע אידישע גייסטער ווי: סעדיה הגאון, יהודה הליוה, אבן גבירל, אבן עזרא, ר"ב משה בן־מימון און אַנדערע. מיט אַ באַזונדערן פּאַטאָס האָט זיין פאָטער פאַרפלאַנצט אין דעם יונגן

מאקס, אין וועלכן ער האט געזען אן אויפגייענדיק שטערן — פיעטעט און ליבע צו דעם גרויסן אידישן פאליטיקער און שטאטסמאן פון מיטלאלטער — ר' אברבנל. א גייסטיקע רעוואלוציע האט דער דאזיקער נאמען פאראורזאכט אין דעם דאן יונגן מאקס. הגם נארדוי איז פאר צענדליקער יארן געווען אפגעפרעמדט פון אידישן לעבן, האט אבער שטענדיק אויפגעטויכט, אויפגעבליצט אין זיין זכרון, אט דער דאזיקער לעגענדארישער נאמען — וואס איז אפשר געווארן דער פראטאטיפ, דער סימבאל פאר זיין שפעטערדיקער ראלע וואס נארדוי האט געשפילט אין אידישן לעבן. נארדוי קאן פארעכנט ווערן אלס דער אברבנל פון אונזער מאדערנעם אידנטום.

די דאזיקע ליבע צו אברבנלן, וואס זיין פאטער האט אין אים פארפלאנצט איז ביי נארדויען געבליבן אויפן גאנצן לעבן. אין זיינע דערמאנערונגען דערציילט ער, אז בשעת א באזוך אין שפאניען אין דעם יאר 1917 — שוין דעמאלט א מענטש אין הויכן עלטער — האט ער אויפגעזוכט דאס געוועזענע הויז פון אברבנלן. געפינענדיק זיך אין דעם הויז פון דעם דאזיקן גרויסן אידן, איז ער דארטן מיט טרערן אין די אויגן געשטאנען ווי א געליימטער און געטראכט וועגן יענע יארן, ווען זיין פאטער האט אים דעם ערשטן מאל באקענט מיט דעם דאזיקן צו אים דאן פרעמדן נאמען. ער האט אויך געטראכט וועגן יענע יארן ווען דער שפאנישער אידנטום האט געלעבט אונטער אברבנלס איינפלוס...

נארדויס פאטער האט ניט נאר מאקסן דערציילט און אויפגעפרישט די פארגאנגענהייט. ער האט אים אויך מיטגענומען אין דעם טעמפל יעדן שבת און יום־טוב. דארטן האט נארדוי געהאט א געלעגנהייט זיך איינצוהערן צו די באלערנדע און אינטערעסאנטע דיסקוסיעס וואס זיין פאטער האט געפירט מיט אנדערע געלערנטע, וועגן פארשידענע אקטועלע פראבלעמען פון יענער צייט און אויך וועגן פראבלעמען וואס האבן געהאט א שייכות מיט דעם מארגן און ווייטן עבר פון אידנטום. די דאזיקע דיסקוסיעס, האבן פילע גוטע קערנער איבערגעלאזן אין דער נשמה פון זיין זון, זיי האבן דארטן פאר יארן לאנג געטליעט און שפעטער אפשר אים דערנענטערט און צוריקגעבראכט צום מקור פון אידנטום און ציוניזם...

מאקס האָט אחוץ זיין פּאָטערס אידישע דערציאונג, אויך באַ־
זוכט אַ אידישן חדר, וואו די אונטערריכטס־שפּראַך איז געווען
דייטש. כאָטש מאקס איז נאָך געווען אַ אינגל, פון אַ יאָר זעקס
אָדער אַכט, האָט ער שוין ארויסגעוויזן חריפות און זיין רבי איז
געווען שטאַרק צופרידן פון אים און אין אים געזען אַ צוקונפטיקן
גאון בישראל. מאקס האָט באַזעסן אַ גוט קעפּל. ער האָט באַנומען
די שווערסטע סוגיות און געהאַט אַ געוואַלדיקן זכרון. אָבער צוליב
עפּעס אַ „פאַרברעכן" האָט אים דער רבי אָפּגעשמיסן דערפאַר, האָט
ער זיין רבין פאַרמסרט פאַר זיין מוטער, וועלכע האָט אים זייער
געצערטלט און שטאַרק ליב געהאַט. די מוטער האָט אים אַלס
רעזולטאַט פון דעם אינדיצענט ארויסגענומען פון חדר. זייט דאַ־
מאָלט הויבט זיך אָן מאַקסעס קאָנטאַקט מיט דער ניט־אידישער
סביבה און מיט דער ניט־אידישער וועלט.

אין דעם יאָר 1859 פאַרלאָזט מאקס דעם אידישן חדר מיט
אַ זייער גוטער רעקאָמענדאַציע און גייט איבער אין אַ קאַטאָלישן
גימנאַזיום פון פּעסט.

דער אָנהויב פון מאַקס נאָרדויס ליטעראַרישער טעטיקייט

צו 14 יאָר האָט נאָרדוי אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, נאָך זייענדיק א יונגער סטודענט. ער האָט געשריבן לידער, עסיים און קורצע דערציילונגען. אין יאָר 1865 איז ער געוואָרן דער הויפט מיטארבעטער אין א ציימונג וואָס האָט זיך גערופן „צווישענ־אקט". ווען ער איז אריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין „פעסטער לאיד" אן אונגאַרישע ציימונג, וואו ער איז געבליבן א שטענדיקער מיטארבעטער פאר זעקר יאָר צייט.

אין יאָר 1872 ענדיקט מאַקס נאָרדוי, דעם פעסטער אוניווער־זיטעט מיט דעם טיטול דאקטאָר מעדיצין. ער איז גלייך אָפּגעפאָרן נאָך ווין, וואו ער האָט געטאָן זיין מיליטערישע פליכט פאר עסטרייך, דינענדיק אלס מיליטער־כירורג.

זעקס יאָר האָט נאָרדוי דאַן ארומגעוואַנדערט איבער פארשיי־דענע לענדער און שטעט, און ער האָט זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן און אָבזערוואַציעס, אלס קאָרעספּאָנדענט פאר די פאָלגנ־דע ציימונגען: „פראַנקפורטער ציימונג", „פעסטער לאָיד" און „ווינער מעדיצינישער וואָכנבלאַט". ער איז אויך אין יענער צייט געווען אין פאַריז און פיל געשאַפן.

אין יאָר 1880 פארלאָזט נאָרדוי זיין היימלאַנד בודאַפּעסט און באַזעצט זיך אלס שטענדיקער תושב אין דער שטאָט פאַריז, וואו ער האָט כמעט זיין גאַנצן לעבן פארבראַכט און געשאַפן זיינע גע־ניאַלע ווערק.

דעם ערשטן יאָר אין פאַריז איז נאָרדוי געווען זייער אינטענסיוו אויפן ליטעראַרישן געביט און האָט אויך פּראַקטיצירט אלס מעדי־

צינער. פון יענער צייט זיינען באקאנט זיינע פאָלגנדע ליטעראַרישע ווערק: „זייפנבלאָזן", „פאַריז אונטער דער 3טער רעפּובליק", „אויס־געוויילטע בריוו פון פאַריז". די דאָזיקע ווערק האָבן שוין געלייגט דעם חותם אויף דעם שפּעטערדיקן גרויסן פּען־מייסטער.

איבער דער וועלט ווערט נאָרדויס נאָמען ערשט באַקאַנט מיט דער דערשיינונג פון זיין ערשטן גענייאַלן ווערק פון זיין פּעדער — „די קאָנווענציאָנעלע ליגענס די קולטור מענשהייט". דאָס דאָזיקע ווערק איז דערשינען אין יאָר 1883 אין לייפּציק און האָט פאַר־אורזאַכט אַ רעוואָלוציע אין דעם גייסטיקן לעבן פון יענער צייט. עס איז כמעט איבערזעצט געוואָרן אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן. אין רוסלאַנד און אין עסטרייך איז דאָס דאָזיקע ווערק פאַרבאָטן געוואָרן פון די רעגירונגס־צענזורן, מחמת זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וועלכע ער זאָגט אַרויס אין דעם דאָזיקן ווערק. דאָס בוך איז באַלד געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז ביז היינט צוטאָג זיינען כמעט אַרויס דערפון עטלעכע און זיבעציק אויפלאַגן.

אין די „קאָנווענציאָנעלע ליגענס", טרעט פאַר אונז נאָרדוי אַרויס, אַלס שאַרפזיניקער ציניקער און קולטור־קריטיקער. ער ווערט אָפט פאַרשריען פון זיינע קריטיקער, אַז זיין צוגאַנג צו „וועלט־מענש" פּראָבלעם איז אַ פאַלש־נעגאַטיווער און דערפאַר — דעסטראַקטיוו. אָבער נאָרדוי, פּונקט ווי אַ סך פון אונזערע אידישע נביאים האָט זיך געשטעלט אַלס הויפּט מאָטאָ: קאָרעגירן און אויסהיילן די פונ־דאַמענטאַלע פאַקטאָרן אין אונזער געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעבן, וועלכע זיינען צוליב עגאָאיסטישע קאַפּריזן און שמאָלקעפּיקייט, באַ־זירט אויף קאָרופּציע און פאַלשקייט.

ער געפינט פאַרקריפּעלטקייט און צביעות אין די מאָראַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע יסודות פון אונזער געזעלשאַפט. דער מענטשן־געשלעכט, איז קרענקלעך און אָנגעשטעקט מיט דעגענערירענ־דיקע אידייען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט ווי באַצילן אין אַ געזונטן קערפּער, פון פּאַטאָלאָגיש־קראַנקע אָרגאַניזאַטאָרן פון אונזער קולטור־געשיכטע. דער מענטש איז לויט דער נאַטור, גענייגט צו זען די בעסערע און שענערע זייטן פון לעבן — אָבער זיין עטישער באַרוף

אין לעבן, ווערט פארסמט דורך דער מכלומרשט, „פּראָגרעסיווער" מעכאַניזירונג פון אונזער ציוויליזאַציע. דער מענטש דינט אין אונזער ציוויליזאַציע ווי א טויטער אויטאָמאַט, וואָס ביים דרוק פון א עלעקטרישן־קנעפּל, פילט ער אויס זיינע פונקציעס — אָן „פראגן" און אַ „פּאַרוואָס". אַט דער מאַשין־גייסט פאַרפלאַנצט אין דעם מענטשן־קינד, קערנער פון רויען, גראָבן, אויבערפלעכלעכן מאַטעריאַליזם, וואָס פילט אָן אונזער וועלט מיט ליגנס און דעגענעראַציע.

„שטעלט אייך פאָר די מאָראַל פון 19טן יאָרהונדערט" — זאָגט מאַקס נאָרדוי — „ווען איין מענטש הארגעט דעם אַנדערן — איז א פאַרברעך. ווען א גאַנצער פאָלק אָבער באַוואָפנט זיך און שטייט אויף קעגן אַן אַנדער פאָלק, ווען מ'הרגעט אויס צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט אַמאָל — דאָס איז גוט. דערפאַר קומט א דאַנק. ליגן זאָגן און אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן — איז א פאַרברעך. אין דער פּאָליטיק מעג מען לייקענען און זאָגן ליגן וויפיל מ'וויל".

די שאַרפסטע פיילן, פון זיין עטיש־לאָגישן אריינדרינגען אין דעם לאַבירינט פון לעבן, האָט נאָרדוי געשליידערט אין דער מאָראַל פון ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין דעם פּרט קאָן נאָרדוי אפשר אידענטיפיצירט ווערן מיט די סאָציאַלע רעפאָרמער, ווי א רעוואָלוציאָנער — אנשטאָט, ווי ער איז פאַרשריען געוואָרן פון אַ סך בייזוויליקע קריטיקער — ווי פאַרלוימדער און ציניקער. זיין שאַרפזיניקע און סאַטיריש־שניידנדיקע קריטיק, קעגן די סאָציאַלאָגישע יסודות פון אונזער געזעלשאַפט זיינען גיכער אַן ארויסשטראַלונג פון זיין פרייען, ליכטיקן גייסט, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן די צביעות, און וואָס זוכט אויסצוהיילן די מענטשלעכע פעלערן — אַנשטאָט ווי: אָפּאָזיציאָנער פון דעסטראַקציע און סתם ענגאַ־ציניזם, ווי עס איז אָנגעשטעלט געווען, דער פילאָזאָף־דיכטער פון „איבער־מענטש" פרידריך ניטשע, וואָס איז געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ און דער גייסטיקער פאָטער פון היינטיקן באַרבאַריש־היטלעריסטישן דייטשלאַנד.

נאָרדויס צוגאַנג צו די פונדאַמענטאַלע פאַקטאָרן פון אונזער געזעלשאַפט, זיינען געווען נאָרמאַל־געזונטע. פּונקט ווי דער דאָקטאָר וואָס גייט היילן זיין פּאַציענט, מוז פריער געפינען די סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט — אַזוי, איז נאָרדוי צוגעטראָטן צו זיין געזעל־שאַפט־פּאַציענט. ער האָט געזוכט אונז געבן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז און ניט דעם פּראָגנאָז. ער האָט פּראָבירט פעסטשטעלן די סיבות פון אונזער געזעלשאַפטלעכע קראַנקייט. „וויסן די קראַנקהייט איז שוין א האַלבע רפואה" — זאָגט אַן אַלט שפּריכוואָרט.

יאָ, נאָרדוי האָט פאַר אונז אַנאַליזירט די מענטשלעכע שוואַכ־קייטן אין אַלע אירע פאָזן.

נאָרדוי האָט אָבער ניט פּרעטענדירט צו זיין דער [redacted], סיסטעמאַטישער דענקער מיט א זעלבסטשטענדיקע לעבנס־אַנשויאונג, צו לייזן די אַלע מענטשלעך־סאָציאַלע איבלען, וועלכע ער האָט פאַר אונזערע אויגן אַזוי בולט אוועקגעשטעלט און זיי געשטעלט צום שאַנד־קלאָץ פון מענטשלעכן געוויסן. הגם, א מענטש מיט אַזא געוואַגטקייט צו קריטיקירן די סאַמע זיילן פון אונזערע יורידישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, מאָראַלע און סאָציאַלע יסודות פון אונזער געזעלשאַפט ; א מענטש וואָס האָט געהאַט גענוג מוט און קוראַזש אַרונטערצורייסן, די פון דער וועלטס־אַנערקענטע גייסטער פון זיין צייט און זיי באַצייכענען מיט ניט קיין אַנדערע עפּיטעטן ווי : קרי־מינעלע שווינדלער און גייסטיק־קראַנקע מענטשן — האָט געמוזט אין זיך טראָגן א זעלבסטשטענדיק פילאָזאָפיש־סיסטעם וועגן „וועלט־מענטש", כאָטש ער האָט עס קיינמאָל ניט פאָרמולירט.

די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", האָבן אָנגעמאַכט א גוואַלדיקן שטורם אין כמעט אַלע קולטור־לענדער פון דער וועלט. עס זיינען דערשינען פלוג־בלעטער און בראָשורן מיט גיפטיקע פאַרלוימדונגען קעגן דעם אויטאָר, וואָס האָט געוואַגט אַרונטערצורייסן די אויטאָ־קראַטישע מאָנאַרכיע און דעם קאַטוילישן פּויבסנטום. אפילו דער פּויפּסט און וואַטיקאַן, האָט געזאָגט זיין „הייליק" וואָרט קעגן דעם באַרימטן אויטאָר פון זיין באַרימט ווערק. עס זיינען אויך דערשינען אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס, וואָס האָבן שטאַרק פאַרערט און

געלויבט דאָס דאָזיקע ווערק, אין וועלכן זיי האָבן געזען אן אָפּפרישונג פון ליבעראַל־דעמאָקראַטישן גייסט.

זיין צווייט גרעסער ווערק איז געווען „ענטאַרטונג". פּונקט ווי זיין פריערדיק ווערק די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", האָט אויך דאָס דאָזיקע ווערק ארויסגערופן א גוואַלדיקן רושם. אָבער דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען פון א גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

דאָ איז פאַר אונז נאָרדוי דערשינען אַלס קולטור־פילאָזאָף און פּסיכאָלאָג־קריטיקער. ער וואַגט ארונטערצורייסן אַזעלכע וועלט־באַרימטע קינסטלער פון דער ליטעראַטור און מוזיק־וועלט ווי: טאָלסטאָי, ניטשע, זאָלא, איבסען, וואַגנער און אַנדערע. זיין מעטאָדע איז צו דערקלערן אַלע דערשיינונגען אויפן נאַטור־וויסנשאַפטלעכן און לאָגישן אופן — און דעריבער, זיינען אים די מעטאַפיזיש, טומגע געדאַנקען פון א ניטשע און א טאָלסטאָי, ניט קלאָר. דעם אַנאַרכאַ־רעליגיעזן טאָלסטאָיאיזם און דעם אַנאַרכאָ־עסטעטישן ניטשעאַניזם, דערקלערט ער פאַר פּאַטאָלאָגיש־קרענקלעכע לערעס, וואָס גראָבן אונטער די געזונטע מאָראַלע יסודות פון אונזער געזעלשאַפט. ער זאָגט, צום ביישפּיל, וועגן דעם נאָרוועגישן קינסטלער הענדריק איבסען: „יאָ, איבסען רעדט וועגן פרייהייט, אָבער אַליין איז ער ניט פריי. ער האַלט זיך פעסט אין די פּרינציפּן פון רעליגיע". וועגן ניטשען זאָגט ער, אַז עס איז אים אומפאַרשטענדלעך — פּונקט ווי ביי שאָפּענהוירן, אַז א זאַטער און צופרידענער מענטש, זאָל ווערן א פּעסימיסט — אַז א קרענקלעכער מענטש זאָל ווערן א פילאָזאָף פון דעם „איבערמענטש" און א באַגייסטערטער אָנהענגער פון מאַכט און גבורה, שיינע פאַר־זענלעכקייטן. דערפאַר דענקט נאָרדוי אַז ער איז פּשוט משוגע און איז אַן אָביעקט פאַר פּסיכיאַטערן. טאָלסטאָי, וועלכער פּריידיקט צוריק צו דער נאַטור, שלעפּט אונז צוריק צום וואַלד, ווען אונזער מענטשן־געשלעכט איז געפּרווירן געוואָרן פון קעלט און פאַרברענט געוואָרן פון היץ. זיין לערע וועגן אָפּגעבן דעם צווייטן אַלעס איז, א פּשוטער אומזין! דאָס הייסט געבן נדבות און דאָס דעמאָראַלי־זירט דעם געבער און דעם נעמער. אַזאַ לערע איז באַזירט אויף א שוואַכן כאַראַקטער, עראָטיק און היסטעריע.

עס זיינען אויך דערשינען פילע אנדערע ווערק פון נאָרדווין, אחוץ זיינע סאָציאלאָגיש־פילאָזאָפישע עסיים. ער האָט אויך פאַר־עפנטלעכט דראַמען. ווי זיין באַקאַנטע דראַמע „דר. קאָהען", וואו ער שטעלט ארויס זיין ציוניסטישן פּאָליטישן קריטעריום. ער האָט אויך געשריבן ראָמאַנען, פאַבלען און קינדער מעשהלעך.

ניט אלע ליטעראַריש־קריטישע מיינונגען פון נאָרדוין זיינען ביים היינטיקן טאָג אקטועל און האַלטן אויס די מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיק, דאָס מינערט אָבער ניט דעם פאַקט: — אז נאָרדוי האָט אין זיין צייט געשפּילט א קאָלאָסאַל־באַדייטנדע קולטור־היסטאָרישע ראָלע אויפן געביט פון סאָציאָלאָגישן דענקען און אויפן פעלד פון ליטע־ראַטור־קריטיק.

נאָרדויס אידישע דערוואַכונג

פונקט ווי ביי הערצלען, איז אויך ביי נאָרדוין געווען דער שליסל צו זיין צוריקער אין דעם שוים פון אידנטום — דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיינע ברוטאַליטעטן און געמיינהייטן אין דעם לעצטן פערטל פון נייגצענטן יאָרהונדערט. און אין פראַנקרייך האָט נאָרדוי דאַן בייגעוואוינט די וועלט־באַרימטע דרייפוס־אפערא. ער האָט געזען ווי דאָס „קולטור פאָלק", די פראַנ־צויזן, ווערן באַהערשט פון יענע חיישע אַנטיסעמיטישע עמאָציעס. זיי באַשולדיקן אַן אומשולדיקן, לאָיאַלן, פראַנצויזישן בירגער אין פאַראַט צום „פאָטערלאַנד", נאָר דערפאַר, וואָס ער איז פון אידישן אָפשטאַם. כאָטש די בעסערע און מער ליבעראַלע גייסטער פון וועלט־געוויסן, האָבן זיך געשטעלט אין פאַרטיידיקונג קעגן דעם שענדלעכן און מיאוסן שווינדל פון 19טן י. ה., האָט עס ניט געהאָלפן און דער אומשולדיקער דרייפוס, איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן אויפן „טייוויל־אינזל". כאָטש ער איז פון דאָרטן באַפרייט געוואָרן מיט פינף יאָר שפעטער, האָט שוין דער דאָזיקער שענדלעכער אַקט פון דעם „קולטור פאָלק", איבערגעלאָזן שפורן אויף מאָקס נאָרדויס אידישער דערוואַכונג. ער האָט באַלד אָנגעהויבן טראַכטן און נאָכדענקען וועגן זיין שטאַם און וועגן אידישקייט אין אַלגעמיין.

נאָרדוי האָט זיין אידישן אָפשטאַם, קיינמאָל ניט געלייקנט פונקט ווי עס האָבן עס געטאָן א סך אנדערע געלערנטע און „אויפגעקלערטע" פון זיין צייט. איז ער אבער געבליבן צו זיין אידישקייט גלייכ־גילטיק און עס ניט מאַניפעסטירט אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט געזען, אז אַלע האָפנונגען, וועגן ליבעראַליזם, רעפאָרמאציע, אויפ־קלערונג, וועט ניט באַזייטיקן דעם אַלטן אידן שונא — דעם אַנטי־סעמיטיזם.

יעדע צייט, יעדער דור שאפט זיך די דאזיקע ברוטאלע אינ־סטינקטן היה, אונטער נייע לאזונגען און שלאג־ווערטער. אין מיטל־אלטער איז עס געווען: רעליגיעז־פאנאטישע שנאה. שפעטער איז עס געווארן: עקאנאמישער, פאליטישער, נאציאנאלער און קולטור־רעלער האס און קנאה. אזוי איז עס געווען און אזוי וועט עס מן־הסתם אויך ווייטער זיין. יעדע נייע צייט מיט נייע מענטשן באַ־ווייזט זיך דער זעלביקער אונז גוט־באקאנטער גאסט: — דער אנטי־סעמיטיזם, אונטער א נייעם שלייער, אונטער א נייעם מאנטל.

נארדוי האט מיט זיין שארפער לאגיק גוט אנאליזירט די סיבות פון אנטיסעמיטיזם. און ער האט ניט געזען קיין רעטונג, קיין אויסוועג. איז ער דעריבער געקומען צום זעלביקן שלום ווי הערצל: — א אידישע מדינה. אידן אין שלעכט און זיי ווערן אויסגעזעצט צו פארלירן זייער עקאנאמישע, פיזישע, גייסטיקע עק־זיסטענץ, ווייל זיי זיינען אין דער לאגע פון א מינדערהייט איבעראל. דאס איז דער איינציקער לאגישער אויסוועג.

פונקט אזוי האט געטראכט הערצל, וועלכער האט זיך צוריק־געקערט צום אידנטום און צום אידישן מקור פון דער פרעמד־אסימי־לירטער סביבה.

הערצל און נאָרדוי

הערצל האָט שוין געקאָנט נאָרדויען פון פריער, איידער ער איז געוואָרן א ציוניסט. אָבער זייערע פאַרבינדונגען זיינען געווען ריין־ליטעראַרישע. ער האָט נאָרדויען, דעם וועלט־באַרימטן שריפטשטעלער און אויטאָר פון „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", „ענטאַרטונג" פּאַראַדאָקסן", רעקאָמענדירט צו ווערן א מיטאַרבעטער אין דעם ווינער בלאַט „נייע פריע פרעסע", וואו הערצל איז געווען א חשובער און אָנגעזעענער מיטאַרבעטער. נאָרדוי האָט הערצלס רעקאָמענדאַציע אָנגענומען. אָט דאָס איז געווען זייער דעמאָלטדיקע פאַרבינדונג. וועגן אידישע פראַגן און פּראָבלעמען האָבן זיי זייער ווייניק דיסקוטירט.

אין יאָר 1895, ווען הערצל האָט זיך באַוויזן מיט זיין פּראָיעקט וועגן א „אידנשטאַט" צו מאַקס נאָרדוי, ווען הערצל האָט אים פּרובירט דערקלערן אז זיינע פריינט דענקען אז ער איז „צעדרייט", זאָגט אים נאָרדוי: „ווען איר, מיין פריינט, זייט צעדרייט, בין איך עס אויך. איך שטיי פולשטענדיק אויף אייער זייט און איר קאָנט דערוואַרטן מיין אונטערשטיצונג".

אָט פון דער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מאַקס נאָרדויס פּיבערהאַפטע, אינטענסיווע טעטיקייט לגבי הערצלס פּראָיעקט און דעם ציוניזם. ער האָט אויך פיל ביי־געטראָגן אין באַקערן צום ציוניזם פילע אינטעלעקטואַלן און שריפטשטעלער, צווישן זיי: איזראַעל זאַנגוויל, בערנאַרד לאַזאַר און אַנדערע.

נאָרדוים באַגריגדונג פון ציוניזם

נאָרדוי, וואָס האָט מיט זיין בייסנדיקער לאָגיק און שאַרפן וויסנשאַפטלעכן אויג, באַצייכנט אונזערע גרעזעלשאַפטלעכע איינריכ־טונגען, אַלס „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", האָט זיך גראָד אַנדערש באַ־צויגן צום ציוניזם. זיין צוגאַנג צום „וועלט־פּראָבלעם" איז אַ גאַנץ אַנדערער ווי צום „אידן־פּראָבלעם". דאָרטן וואו נאָרדוי רעדט אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט, איז זיין לאָגיק אַ שטרענג־אויסגעהאַלטענע. ער ווערט ניט באַאיינפלוסט פון זייטיקע צופאַלן. ער ווערט ניט סענ־טימענטאַל און עמאָציאָנעל. ער איז אויסגעשפּראָכן ראַציאָנאַליסטיש. אָבער ווי באַלד ער רירט זיך נאָר צו צו דער „אידן־פּראַגע", ווערט ער מיטגעריסן פון די שווערע, פיינלעכע ליידן פון די אידן אין די גלות־לענדער — ווייל ווער נאָך ווי ער האָט געקאָנט אַזוי טיף אריינ־דרינגען אין דעם טראַגיזם פון גלותדיקן אידנטום — ווערט ער סענטימענטאַל. זיין שטרענגע לאָגיק פאַרשווינדט און זיין שאַרף־וויסנשאַפטלעך אויג צעגיסט זיך אין די אידישע טרערן און צרות.

נאָרדוי באַטראַכט דעם ציוניזם אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע וועלט־אַנשויאונג אָן וועלכן עס איז בעמישן געמיש. „מיר זיינען ניט ציוניסטן אום כדי צו רעאַליזירן וועלכע עס איז הומיניטאַרע מיסיעס. לייזן די אידן־פּראָבלעם איז אַ הומיניאַטריש־מאָראַלישע מיסיע אַלס אַזעלכע — און מיר האָבן ניט קיין אַנדערע וועלט־מיסיעס. נאָרדוי פרעגט: „וואו האָט מען ווען עס איז געהערט אַז אַ פאָלק זאָל וועמען עס איז דינען? אַ פאָלק איז אַ זעלבסט־צוועק. פעלקער ווי יחידים האָבן ניט קיין אַנדערע מיסיע, אַ חוץ צו לעבן ווי מעגלעך לאַנג, ווי מעגלעך אינטענסיוו".

נאָרדוי האָט געגלויבט, אַז דער ציוניזם נויטיקט זיך ניט אין קיין אַנדער אידייען־פאַרשמעלצונג. אַ מענטש לעבט ווייל ער לעבט, און ניט צוליב וועלכע עס איז אורזאַך. אויך פעלקער עקזיסטירן צוליב זייער לעבנס־פיאיקייט און ניט צוליב וועלכע עס איז הומי־ניטאַרע בארופן. אויב עס קומען פאָר ענדערונגען אין דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן, איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם לעבן גופא און ניט דערפאַר, וואָס דער אָדער יענער יחיד אָדער אַ פאָלק איז בארופן צו רעפאָרמירן אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבנס־געבוי.

בכלל איז נאָרדוי שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די אידישע סאָ־ציאַליסטן. „די אידישע סאָציאַליסטן״ — זאָגט נאָרדוי, — „האָבן גאָרניט וואָס צו האָפן פאַר זייער פאָלק ווען דער סאָציאַליזם וועט זיגן. דער סאָציאַליזם וועט אייך ברענגען די זעלביקע אַנטוישונג, ווי די רעפאָרמאַציע, ווי די השכלה, ווי די פּאָליטישע פרייהייטס־באַווע־גונג. אויב מיר זאָלן דערלעבן, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריע זאָל אַריבערגיין אין דער פּראַקטיק, וועט איר זיך וואונדערן, ווען איר וועט ווידער געפינען אין אייער נייער אָרדענונג דעם אַלטן באַקאַנטן: דעם אַנטיסעמיטיזם. עס וועט אייך גאָרניט העלפן וואָס מאַרקס און לאַסאַל זיינען געווען אידן. אפשר מעג מען פאַרגלייכן קליינס מיט גרויס, מיט דעם גרעסטן, דעם באַגרינדער פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס איז אויך געווען אַ איד, עס איז מיר אָבער ניט באַ־קאַנט אַז דאָס קריסטנטום זאָל זיך בנוגע אידן פילן פאַרפליכטעט צו דאַנקען דערפאַר״...

ציוניזם זאָגט נאָרדוי אין די ווערטער פון דר. טעאָדאָר הערצל, איז: „דער צוריקקער צום אידנטום פאַר דעם צוריקקערן אין דעם אידנלאַנד... מיר האָבן ניט אין זין זיך אָפּצוזאָגן אפילו אויף אַ האָר פון דער קולטור, וועלכע מיר האָבן זיך דערוואָרבן... אַ פאָלק קען נאָר אַליין זיך העלפן. ווען ער קאָן דאָס ניט איז שוין פאַר אים איבערהויפּט ניטאָ קיין הילף״...

עס האָבן אַ סך פּרובירט די דאָזיקע ציוניסטישע עקרים פאַר־דרייען. מען האָט אין דעם אָנהויב באַטראַכט דעם ציוניזם אַלס

א פילאַנטראָפּישע באַוועגונג. „דער ציוניזם", זאָגט נאָרדוי, „איז א וואוילטעטיקע ארבעט, אָבער ניט קיין צדקה זאַך. א לאַנד איז ניט קיין נדבה".

עס האָבן א סך געטראַכט, אז דורכן ציוניזם קערן מיר זיך צוריק צום רעליגיעזן פאַנאַטיזם און מיר ווילן זיך אָפּזאָגן פון פראָגרעס, מאָראַל און וויסנשאַפט פון דער נייער צייט. „ניין", זאָגט נאָרדוי, „מיר קומען אין ארץ־ישראל ניט אלס פרימיטיווע אזיאַטן — אפשר אין אנטראָפּאָלאָגישן זין יאָ — אָבער מיר קומען אין ארץ־ישראל אלס טרעגער פון קולטור און רוקן די גרעניצן פון אייראָפּע ביז צום טייך פרת"...

ווי אזוי דענקט נאָרדוי קאָן דער ציוניזם ווערן א רעאַליטעט? פונקט ווי הערצל דענקט ער אז דער ציוניזם איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע און דעריבער זאָגט ער: „די פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע איז א פראַגע פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. די ציוויליזאַציע רוט אויף געוויסע יסודות, ווען זיי ווערן דערשיטערט אָדער אומגעוואָרפן, פאַלט די גאַנצע געביידע. די דאָזיקע גרונט־יסודות זיינען: אַכטונג פאַרן לעבן פון מענטשן! — „יוסטיציאַ פונדאַמענטום רעגנאָרום" — ד. ה. דער יושר איז דער יסוד פון מלוכות!"

נאָרדוי ווייסט, אז דער דאָזיקער וועלט־געוויסן האָט אונז נאָך ווייניק וואָס געהאָלפן. דאָס, גלויבט ער, איז דערפאַר, ווייל דער ציוניזם (אין זיין צייט און ביז א געוויסן גראַד אויך אמת היינט) איז נאָך ניט אויסגעוואָקסן צו דער מדרגה פון א גרויסן פאָלקס־קעלאָקעטיוו. „מיר ציוניסטן — זאָגט נאָרדוי — זיינען נאָך אלץ א טרויעריקע מינדערהייט אין דעם אידישן פאָלק". „אָבער" — זאָגט ער — „מען דאַרף ניט אַנטוישט ווערן. אין דער צייט ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פראַנצויזישע רעפּובליק האָט קאַמין דעמולט געזאָגט: אין 1789 איז אין פראַנקרייך ניט געווען קיין צען רעפּובליקאַנער. מישלע האָט געשריבן: „אין 1854 און אין 1859 האָב איך אין גאַנץ איטאַליע ניט געזען קיין איינציקן איטאַליענער. דע־

ריבער, דענקט נאָרדוי — אַז אונזער ערשטע אַרבעט אַלס פאַרבאַדינג און פאַרבאַרייטונג, ווען מ׳וועט זיך מיט אונז ציוניסטן אָנהויבן רעכענען אין וועלט־מאַסשטאַב איז: — „דערוועקן און אָפּפרישן דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־באַוואוסטזיין ביי די ברייטע אידישע מאַסן. מאַכן יעדן אידן ציוניסטיש געשטימט".

אַט אַזוי האָט מאַקס נאָרדוי באַגרינדעט דעם ציוניזם. ער האָט אים פאַרטיפט, דערהויבן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקער וועלט־אָנשויאונג. אין דער הינזיכט איז ער געווען דער טעאָרעטיקער און ניט דער יעניקער וואָס קאָן דעם ציוניזם פּראַקטיש און ממשתדיק פאַרוויקלען.

ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, איז נאָרדוים שליסל צום ציוניזם געווען דער אַנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס איז געווען אין דער ערשטער סטאַדיע פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט. שפּעטער ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט ליב און לעבן אין דער ציוניסטישער אַרבעט, ווען ער האָט די ציוניסטישע אידייע פאַרטיפט און דערהויבן, האָט ער געצויגן זיין יניקה פון די באַהאַלטענע און פּאָטענציעלע מאָראַלישע פאָלקס־קעמערלעך פון אידנטום. ער זאָגט דאָ: „דער אַנטיסעמיטיזם איז העכסטנס געווען אַן אָנרעגונג, אָבער זיכער ניט די סיבה פון ציוניזם. די שנאה צו אידן האָט נאָר אין פילע אידן געוועקט דאָס אָפּגעשוואַכטע פאָלקס־באַוואוסטזיין און זיי געצוואונגען צו דערמאָנען זיך זייער געשיכטלעכער אינדיווידואַליטעט"... „דער ציוניזם ווי יעדע געשיכטלעכע באַוועגונג איז אַרויסגעוואָקסן פון אַ טיף־געפילטער און קלאָר־פאַרשטאַנענער באַדערפעניש פון אַ נאָרמאַלן לעבן און נאַטירלעכע באַדינגונגען. ער איז די אייזערנע קאָנסעקווענץ פון דער אידישער לאָגיק, פון דער אידישער נשמה"...

נאָרדוי איז געווען דער פאַרפאַסער פון באַזעלער פּראָגראַם, ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1897. ער איז פאַר יאָרן־לאַנג געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע און אין ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט. ביי די ערשטע ניין קאָנגרעסן האָט נאָרדוי געהאַלטן זיינע וועלט־באַרימטע רעפעראַטן וועגן די ליידן

פון די אידן אין די גלות־לענדער, וואס האבן ביז טרערן גערירט די אנוועזנדיקע דעלעגאטן און געסט און האבן פאראורזאכט א רושם און פאראינטערעסירט די וועלט־רעגירונגען זיך צוצוהערן צו זיינע טיפזיניקע און נביאישע רייד וואס האבן געשלאגן ווי פון א פעלזן רווישנדיקן טיפן קוואל. ער איז געווען דער טריביון פון דער ציוניס־טישער באוועגונג...

נארדוי האט אויך זייער א סך געשריבן וועגן און פארן ציוניזם אין פילע שפראכן און אין פילע צייטונגען, זשורנאלן און צייט־שריפטן, וואס זיינען דערשינען אין כמעט אלע קולטור־לענדער פון דער וועלט.

אין דער „וועלט", דעם דייטשן אפיציעלן ציוניסטישן ארגאן, האט נארדוי געשאפן די מערסטע פון זיינע ציוניסטישע שריפטן און פאלעמיזירט מיט ציוניסטישע קעגנער און שונאים. די דאזיקע אר־בעטן זיינען שפעטער פארעפנטלעכט געווארן אין צוויי באזונדערע בענד אין דייטש, וואס דארפן זיך אן צוייפל געפינען אין יעדער ציוניסטישער היים, ווייל די אלע פראבלעמען וואס מיר בארירן היינט צו טאג וועגן און ארום דעם ציוניזם, זיינען שוין דעמאלט געווען אקטועל פאר דעם ווייט־זעענדיקן בליק פון מאקס נארדוי און זיינע ארגומענטן און איבערצייגונגען זיינען פאר אונז היינט נאך פריש און סטימולירנדיק.

ווען עס איז אויפגעשוואומען דער אוגאנדע־פראיעקט אויף דער ציוניסטישער טריבונע ביים זעקסטן ציוניסטישן קאנגרעס, איז נארדוי צוזאמען מיט הערצלען געשטאנען אין דער פארטיידיקונג פון דעם אוגאנדע־פראיעקט קעגן די רוסישע ציוניסטן. אלס רעזולטאט פון יענער אויפגערעגטער שטימונג, וואס די דיסקוסיעס ארום דעם פרא־יעקט האבן ארויסגערופן, האט א פאנאטישער רוסישער ציוניסט, וועלכער האט מאטיווירט נארדויס ארויסטריט פארן אוגאנדע־פרא־יעקט אלס א נאציאנאלן פארראט, פרובירט מאכן אן אטענטאט אויף נארדויען קורץ נאכן זעקסטן קאנגרעס. ער האט אויף נאר־דויען אפגעפייערט עטלעכע שאס, אבער דורך א נס איז נארדוי אפגעקומען מיט שרעק און מיט לייכטע וואונדן.

נאָך הערצלס טויט

נאָך דעם טויט פון הערצלען, ווייל מען נאָרדויען אָנפאַרטרויען די ציוניסטישע לייטונג, אָבער נאָרדוי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן כבוד. ער האָט אָפּטמאָל באַטאָנט, אַז צוליב זיין געמישטער הייראַט — נאָרדוי האָט געהייראַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי אין די יאָרן ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין ציוניסט — רעכנט ער, אַז עס איז ניט ראַטזאַם, אַז ער זאָל פאַרנעמען דעם סאַמע „מזרח וואַנט" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. הגם, ער האָט פריידלעך געלעבט מיט זיין פרוי אַנאַ. זי האָט אים ניט געשטערט אין זיין ציוניסטישער אַרבעט, פאַרקערט, זי האָט אים אין פילע שווערע מאָמענטן, מאָמענטן פון אַנטוישונגען, יאוש, אינספּי־רירט און סטימולירט און אים פיל בייגעטראָגן און געהאָלפן אין זיין נאַציאָנאַלע מיסיע. אויך די קינסטלערין, זיין טאָכטער מאַקסאַ, וועמען פון אַלע נאָרדויס קינדער ער האָט אַמבעסטן געליבט — האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און טריישאַפט צו איר פאָטערס אידייען. זי איז ביז היינטיקן טאָג געבליבן אַ הייסע פאַרערערין פון ציוניזם און טריי געבליבן דעם אידנטום, פונדעסטוועגן האָט נאָרדוי גע־גלויבט, אַז ער טאָר ניט פאַרנעמען דאָס פּרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געבליבן אַ טרייער נאָכפאָלגער וואָלפ־זאָנען, וואָס האָט פאַרטגעזעצט הערצלס וועג אין דער ציוניסטישער לייטונג.

אין צייט פון וועלט־קריג

נאָך בעפאָר דעם וועלט־קריג האָט זיך נאָרדוי צוריקגעצויגן פון אַקטיווער באַטייליקונג אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, הגם ער האָט גענומען אַ לײדנשאַפטלעכן אַנטייל אין דער ציוניסטישער אַר־בעט. ער איז שוין דעמאָלט אַרויסגעטראָטן אין אָפּאָזיציע צו דער פירערשאַפט. די דאָזיקע אָפּאָזיציע איז נאָך בולטער און שאַרפער געוואָרן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען דר. חיים ווייצמאַן איז געווען אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין צייט פון וועלט־קריג האָט נאָרדוי צוליב זיין עסטרייכישער בירגערשאַפט ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין פראַנקרייך. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין זייער באַליבטע שטאָט פּאַריז, וואו ער האָט אַזוי פיל געשאַפן. ער באַזעצט זיך דאַן אין מאַדריד, שפּאַניע, וואו ער מאַכט זיך זיין צייטווייליקע היים. ער באַקענט זיך דאָרטן מיט דעם באַרימטן פּראָפעסאָר יהודא, וועלכער ווערט זיין נאָענטער פריינט און די דאָזיקע פריינטשאַפט איז שוין פאַרבליבן ביז צו דער ענדע פון נאָרדויס לעבן. ער שרייבט דאַן זייער פיל וועגן קריג און וועגן אַנדערע אַקטועלע פּראָבלעמען פאַר פאַרשיידענע צייטונגען און אין פאַרשיידענע שפּראַכן. ער שאַפט אויך אַנדערע ווערק און שרייבט אַרטיקלען וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל.

נאָכן קריג קערט ער זיך צוריק קיין לאָנדאָן. אָבער ער בלייבט אין דער ציוניסטישער אָפּאָזיציע צו ווייצמאַנען. ער דריקט זיך דאַן אויס צו דעם אידישן שריפטשטעלער דוד פּינסקי, וועלכער האָט אים דאַן באַזוכט: — „אין אונזער גרעסטער נויט און אין די גרעסטע מעגלעכקייטן פון רעטונג און באַפרייאונג, איז אונזער פאָלק אָן פי־רער, און די פירער אין זייער קליינינקייט זיינען פאַר אונז אַ געפאַר

און אַ קאַטאַסטראָפע... וואָס איז צו מאַכן?... וואָס איז צו מאַכן?..."

ער געפינט זיך דאַן אין אַ צימערל אין דעם ציוניסטישן אָפיס אויף ראָסעל סטריט. אָבער ער אַרבעט שוין ניט מיט זיין פריערדיקן ציוניסטישן פלייס און פאַטאָס. ער פילט זיך טיף באַליידיקט און געקרענקט. אים האָט וויי געטאָן דאָס שפּעטערדיקע אויסטייטשן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, די געשעענישן אין ארץ־ישראל. די קליינע ציוניסטישע „פירערלעך", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „זיי דרייען זיך אַרום און דערגייען מיר די יאָר". מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער אַלטער מאַקס נאָרדוי, דער ליבּ פון ציוניזם, איז שוין עובר בטל. די דאָזיקע אַטמאָספערע, מיט וועלכער ער איז געווען אַרומגערינגלט אין לאָנדאָן, האָט אים געצוואונגען זיך צוריקצוקערן קיין פאַריז, וואו ער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון אייראָפּע און פון כלל ישראל.

נאָרדויס טויט

דעם 19טן יאַנואַר 1923 וואַרפן זיך ידיעות אין די צייטונגען, אַז דער אַלטער מאַקס נאָרדוי איז קראַנק געוואָרן און זיין לאַגע איז נעפערלעך. דעם 23טן יאַנואַר איז שוין אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, וואָס האָט ווי אַ דונער געטראָפן דעם גאַנצן וועלט־אידנטום — אַז מאַקס נאָרדוי איז ג ע ש ט אָ ר ב ן.

אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן איז אים געוואָרן לייכטער, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אין ציוניזם און וואָס דער אַקציאָנס קאָמיטעט — וועלכע האָט דעמאָלט אָפגעהאַלטן אַ שטורעמדיקע פאַרזאַמלונג — האָט באַשלאָסן. עס איז אויך געווען זיין לעצטער וואונטש, אים מקבר צו זיין אין אַ טלית. אין דעם דאָזיקן לעצטן וואונטש נאָרדויס, האָט זיך אויסגעדריקט זיין טיפע בענקשאַפט צום אידישן מקור און צו דער אידישער טראַדיציע, וועלכע ער האָט פריער פאַרלאָזן און שפּעטער זיך אומגעקערט.

ער איז געשטאָרבן ארומגערינגלט פון זיין פאַמיליע און טרייע לעבנס־פריינט דר. מאַרמאַרעק און דר. פישער. ביי זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט אַרום דריי טויזנט מענטשן, וואָס האָבן אין טיפן טרויער אים באַגלייט צו זיין לעצטן רו־פּלאַץ.

אין דער גאַנצער אידישער וועלט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער טרויער נאָך דעם דאָזיקן גרויסן איד און מענטש.

יאָ, קאָלאָסאַל איז געווען זיין באַדייט און דער צוקונפטיקער ציוניסטישער היסטאָריקער וועט אים מן־הסתם שענקען פיל פּלאַץ. אויב הערצל איז געווען דער בליץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג,

ווי א סך האָבן זיך אויסגעשפּראָכן, איז מאַקס נאָרדוי געווען דער דונער...

אין נאָרדויען איז געווען פאַרקערפּערט דער אידישער באַגריף פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און דעריבער זיין קאַמף קעגן די פאַלשע מענטשלעכע געטער און זיין קאַמף פאַרן פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועלכן ער האָט אידענטיפיצירט אין זיין קאַמף פאַר דער אידישער־נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און באַפרייאונג.